# לייבל באָטווינִיק

# נ.ר.ט – נאַציאָנאַלער רייניקונגס־טאָג

## (איבערגעזעצט פון ענגליש, פון דער ענגלישער נײַעס־פּראָגראַם אויף דער טעלעוויזיע, זונטיק דעם 10טן יוני, 2007. כ"ד סיון, ה'תשס"ז)

## 1. סוף צו דעם כאַאָס

שעלדאָן (פון אַן ענגלישער נײַעס אַגענטור): נו, העלען, דאָס איז געווען זייער אַן איבערראַשנדיקער טאָג. ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, אַז די זאַכן וועלן זיך אַזוי דראַמאַטיש ענדערן אינעם מיטעלן־מזרח אין אַזאַ קורצער צײַט...

העלען (פון אַן ענגלישער נײַעס אַגענטור): שעלדאָן, עס זײַנען אַלעמאָל דאָ סורפּריזן דאָרט... און עס איז געווען כמעט זיכער אַז עפּעס דראַסטיש האָט באַדאַרפט דאָרט געשען, פון אַלע הינזיכטן: פון אינעווייניק, און פון דרויסן האָבן די זאַכן זיך געצויגן און געצויגן, אַז מיט עפּעס האָט זיך עס באַדאַרפט אויסלאָזן. איך בין אָבער זיכער, אַז קיינער האָט אין זײַן לעבן זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז עס וועט זײַן אַזוי... די אָפּקלאַנגען זײַנען אַזעלכע גרויסע און אַזוי ווײַט־גרייכנדיקע, אַז ס'איז כמעט ניטאָ קיין מדינה אויף דער וועלט עס זאָל אויף איר ניט האָבן קיין השפּעה, אָדער אַ מנהיג וואָס זאָל ניט האָבן וואָס צו זאָגן וועגן דעם. מיר אַליין אין די נײַעס־אַגענטורן ווערן פאַרפּלייצט מיט אָנפראַגעס, און גלײַכצײַטיק כּלערליי ידיעות פון געשעענישן אַרום דער וועלט וועלכע האָבן צו טאָן מיט די הײַנטיקע מעלדונגען...

שעלדאָן: וואָס זאָגסטו, העלען?.. אפשר קענסטו פאַר אונדזערע צושויער איבערגעבן אַ קורצן סך־הכל פון די הויפּט נײַעסן און געשעענישן פון דעם הײַנטיקן טומלדיקן טאָג?....

העלען: גוט, שעלדאָן, איך וועל פּרובירן... אונדזערע נײַעס־אַנאַליסטן האָבן מיר שוין צוגעגרייט אַ לאַנגע רשימה פון הויפּט־פּונקטן. איך ווייס אָבער, אַז זיי באַקומען אַלע ווײַלע נײַע אינפאָרמאַציעס און אוודאי אינטערפּרעטאַציעס, ווי אויך אָפּקלאַנגען פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון איבער דער וועלט. אָבער לאָמיר אָנהייבן מיט דעם, און מיר'ן זען ווי די זאַכן וועלן זיך ווײַטער אַנטוויקלען. איך האָב מורא, אַז עס וועט זײַן אַ לאַנגע נאַכט – און אַ לאַנגע וואָך...

שעלדאָן: הײַנט, זונטיק 10 אַזייגער אינדערפרי, לויט זייער צײַט, איז אין ירושלים, די הויפּט־שטאָט פון מדינת ישראל, צונויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון דער ישראל כּנסת. דעם אָוונט פאַר דעם, מוצאי שבת, 11 אַזייגער בײַנאַכט, – פאַרזיכערט מען אונדז, – האָט מען מיטגעטיילט די פאַרשיידענע כּנסת דעפּוטאַטן און מיניסטאָרן, ווי אויך אַנדערע וויכטיקע מלוכה־לײַט, אַז זיי זאָלן צומאָרגנס, זונטיק אינדערפרי אָנקומען אינעם כּנסת אויף אַ גאָר וויכטיקער סעסיע. עס איז געווען אונטערגעשטראָכן אַז אַלע מוזן בײַזײַן און אָנקומען צו דער צײַט, צו 10:00 אין דער פרי.

העלען: ווי עס פירט זיך בײַ זיי, איז 10 אַזייגער דער כּנסת געווען נאָך כמעט אינגאַנצן ליידיק. אַרום 10:45 האָבן אָנגעהויבן צוביסלעך אַרײַנקומען דעפּוטאַטן, ביז דער כּנסת־זאַל איז געווען בערך האַלב־פול. צו 11:00 איז אַרויסגעטראָטן די פּרעזידענט־פּאַרטרעטערין, און פאָרגעלייענט דרײַ קורצע מעלדונגען (דער ישׂראל־פּרעזידענט האָט, ווי מיר ווייסן, רעזיגנירט צוליב אַ משפּט וואָס ווערט געפירט קעגן אים). אונדזערע איבערזעצער גיבן עס איבער אַזוי:

1) דערמיט ווערט דער איצטיקער כּנסת געשלאָסן. מערער פּרטים וועלן איבערגעגעבן ווערן די דעפּוטאַטן אין משך פונעם טאָג.

2) אַלע ישׂראל בירגער ווערן געבעטן צו שליסן זייערע פאַבריקן, ביוראָען, געשעפטן, און אַזוי ווײַטער – סײַ אין פּריוואַטן סעקטאָר און סײַ אין מלוכהשן – ביז 3:00 נאָך מיטאָג. און אַלע ווערן געבעטן צו זײַן בײַ זיך אין דער היים צוזאַמען מיט זייער אייגענער משפּחה.

3) אַ גאָר וויכטיקע מעלדונג וועט געמאַכט ווערן שפּעטער, 7 אַזייגער אין אָוונט, איבער די נײַעס־קאַנאַלן אויף ראַדיאָ און טעלעוויזיע...

**העלען**: און נאָך דער קורצער מעלדונג האָט די פּרעזידענט־פּאַרטרעטערין גלײַך פאַרלאָזט דעם פּאָדיום אונטער אַ שווערער שוץ פון וועכטער. פאַרשטייט זיך, אַז די כּנסת־מיטגלידער וואָס זײַנען דערבײַ געווען, האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אָבער ס'איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי הערן. די כּנסת־וועכטער און אַ צאָל פּאָליציי־לײַט האָבן זיי געהייסן פאַרלאָזן דעם זאַל, און זיי האָבן געמוזט ביז די אַנאָנסירטע 3:00 נאָך מיטאָג אײַנפּאַקן זייערע זאַכן, און פאַרלאָזן דעם כּנסת בנין."

פון 11:00 אין דער פרי, ביז 3:00 אַזייגער נאָך מיטאָג האָט די גאַנצע מדינה שוין געהערט די אויפרודערנדיקע נײַעס, און אַלע האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייערע אַרבעטס־ערטער און געלאָזט זיך אַהיים, צו זײַן מיט זייערע בני־בית. די גאַנצע מדינה האָט זיך געגרייט צו עפּעס, אָבער ניט געוואוסט אייגנטלעך צו וואָס. מענטשן אויף דער גאַס, ווי אויך די נײַעס־אַגענטורן, סײַ אין ישׂראל, סײַ מחוץ איר, האָבן אָנגעהויבן וואַרפן פון רעכטס אויף לינקס מיט כּלערליי סברות און אָפּשאַצונגען פון דעם ביז־איצטיקן מצב. די כּנסת דעפּוטאַטן, און וויכטיקע מדינה־פּערזענלעכקייטן האָבן גאָרניט ניט געוואוסט, אָדער גאָרניט ניט געוואָלט אויסזאָגן... די הויפּט מיניסטאָרן און דער פּרעמיער־מיניסטער־פּאַרטרעטער אַליין זײַנען ניט געווען בנמצא. וויפל מ'האָט ניט געפּרואווט מיט זיי זיך צו פאַרבינדן, זיינען זיי אַלע געווען "אינקאָמוניקאַדאָ". (ווי מיר ווייסן, איז דער פּרעמיער־מיניסטער פאַרנומען די טעג מיט לעגאַלע אָנקלאַגעס קעגן אים און איז דעריבער אַ פּאָר וואָכן "אויף וואַקאַציע", כּדי צו מאַכן אַ "סדר" מיט זײַן פּערזענלעכן ענין)...

פון דרײַ אַזייגער נאָך מיטאָג, ביז פּונקט פאַר זיבן אין אָוונט, האָט זיך גאַנץ מדינת ישׂראל ווי אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך געפילט אַ מין אָנשטרענגונג, גלײַך ווי מ'וואָלט זיך גרייטן צו מלחמה. נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט, און קיין שום ספּעציעלע מיליטערישע צוגרייטונגען זײַנען ניט געמאַכט געוואָרן. מערניט אויף די גאַסן האָט מען געזען אַ סך פּאָליציי־לײַט אין זייערע פּאַטראָל־אויטאָס.

אין דער זעלבער צײַט, אָבער, ווייסן מיר אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען, – אויב ניט אין ישׂראל, איז אוודאי מחוץ ישׂראל: אין דרום, האָבן די פּאַלעסטינער אין עזה אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צו עפּעס – כאָטש געניי צו וואָס האָבן זיי אַליין ניט געוואוסט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט געווען דער מאָמענט פאַר קיין פּראָוואָקאַציעס אָדער "דראַסטישע אַקציעס". האָבן זיי זיך בלויז געגרייט אויף אַ מעגלעכן אַרײַנדרינגען אין זייער תּחום פון ישׂראל־סאָלדאַטן מיט טאַנקען און אַרטילעריע.

די מצרישע רעגירונג האָט געשיקט אַ סך טעלעגראַמען און אָנפראַגעס פון קאַירע קיין ירושלים, באַקומענדיק בלויז איין ענטפער: "וואַרט אויס ביז 19:00. אַלץ וועט זײַן בסדר. אונדזערע פעלקער לעבן דאָך בשלום..." ענלעך איז געווען אויך אויף דער מזרח גרענעץ פון ישׂראל: צו דעם מלך עבדאַללה פון ירדן, איז געשיקט געוואָרן אַן ענלעכע טעלעגראַמע פון ירושלים: "... אַלץ וועט זײַן בסדר..."

אויף דעם צפון־פראָנט האָט די סירישעי אָרמיי אָנגעהויבן אַראָפּפירן מערער טאַנקען און מיליטערלײַט, און אין דער זעלבער צײַט האָבן די פּאָליטיקער זייערע געגומען "שיסן" מיט אַרויסזאָגונגען קעגן "די ציוניסטישע פאַרברעכנס", "פּראָוואָקאַציעס" און אַזוי ווײַטער. כיזבאָלאַ־קעמפער אין לבנון האָבן פּרובירט זיך דערנענטערן צו דער ישׂראל־גרענעץ, אָבער די סאָלדאַטן פון דער אונ"אָ (די פאַראייניקטע פעלקער) האָבן זיי באַלד פאַרשטעלט דעם וועג און זיי צוריקגעשיקט.

אין אַנדערע מדינות האָט מען דערווײַלע געטריבן פֿאַרשידענע מעגלעכע דערקלערונגען, סברות און בויך־סברות. די מדינות וועלכע זײַנען פֿרײַנדלעך צו ישׂראל האָבן אויך באַקומען דעם זעלבן רעטעניש־פּולן ענטפֿער: "...וואַרט אויס ביז זיבן..." – אַלע האָבן טאַקע געוואַרט מיט וואַקסנדיקער אָנשטרענגונג... *שעלדאָן*, אפֿשר דערציילסטו ווײַטער?

## 2. אינטערנאַציאָנאַלע רייניקונג

**שעלדאָן:** גוט, העלען. 7:00 אין אָוונט, בעת ווען מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער וועלט איז אומגעדולדיק צוגעקלעפּט צו ראַדיאָ, טעלעוויזיע, און אַנדערע אינפֿאָרמאַציע־קאַנאַלן, האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די פֿאַרווײַלערישע און אַנדערע רעגולערע פּראָגראַמען אויף די ישׂראלדיקע טעלעוויזיע סטאַנציעס. מיר וועלן אײַך איצט ווײַזן די גורלדיקע עטלעכע ערשטע מינוטן פֿון דעם וואָס דאָרטן איז פֿאָרגעקומען.

אויף דעם טעלעוויזיע עקראַן באַווײַזט זיך אַ בילד פֿון ירושלים, באַלד נאָך דעם פֿון דער ישׂראל כּנסת, און נאָך דעם פֿון דעם ישׂראלדיקן מדינה סימבאָל – די מנורה מיט 7 רערן, און אַן איילבערט־צווײַג פֿון ביידע זײַטן.

עס באַווײַזט זיך באַלד אַ צימער, מיט אַ טישל. לעבן דעם אַ מיקראָפֿאָן, און הינטער דעם שטייען צוויי ישׂראל פֿענער. אויפֿן טישל, ליגט דאָס העמערל פֿון דעם כּנסת פֿאָרזיצער. עס קומען אַרײַן דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם פּרעמיער מיניסטער צוזאַמען מיט דער פֿאַרטרעטערין פֿון דעם פּרעזידענט. ביידע בלאַס און אָנגעשטרענגט.

דער פֿאַרטרעטער גייט צו צום טישל, נעמט דעם העמערל פֿון דעם כּנסת-פֿאָרזיצער אין דער האַנט, און גיט עס איבער דער פּרעזידענט־פֿאַרטרעטערין. קיין וואָרט גייט ניט אַדורך צווישן זיי. נאָר די אויגן רעדן. ער דרייט זיך אויס, און טרעט אָפּ, אַרויס פֿון צימער.

די פּרעזידענט־פֿאַרטרעטערין וויקלט פֿונאַנדער אַ צוגעגרייטער דעקלאַראַציע אויף עברית. אונטן, אויפֿן עקראַן באַווײַזן זיך אונטערקעפּלעך אויף ענגליש פֿון די ענגלישע נײַעס־אַגענטור איבערזעצער:

טײַערע מײַנע. תּושבים פֿון דער ייִדישער מדינה, מדינת-ישׂראל. די מדינה איז אין אַ כאַאָס, וואָס מיר אַליין זײַנען שולדיק דערין, מיט אָן אַ שיעור אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע פּראָבלעמען. עס פֿאָדערט זיך אַ נײַער אָנהייב, אַ נײַע וויזיע, אַ נײַע אָנפֿירערשאַפֿט... קורצע פּויזע

די כּנסת איז הײַנט אָפּגעשאַפֿן געוואָרן. דער פּרעמיער מיניסטער און זײַן קאַבינעט און אַלע אַרום דער רעגירונג האָבן רעזיגנירט. איך, די פּרעזידענט־פֿאַרטרעטערין רעזיגניר דערבײַ אויך. דער פּרעזידענט־הויז ווערט דערמיט פֿאַרשלאָסן. ... לענגערע פּויזע

די רעגירונג גייט אַריבער אין נײַע, – מיר קענען נאָר האָפֿן,– בעסערע הענט. דער געגנויער פּראָצעס וועט געדויערן עטלעכע חדשים, און מיר גלייבן אַז עס וועט אַדורך מיט כּבֿוד און מיט פֿאַרשטאַנד פֿאַר אַלץ וואָס איז געווען, און פֿאַר אַלץ וואָס וועט זײַן. ... לענגערע פּויזע

דער שטאַט וואָס איז באַקאַנט געווען ביז אַהער ווי מדינת־ישׂראל,... איז מער ניטאָ. ... לענגערע פּויזע

איך גיב אײַך איצט איבער דעם נײַעם מנהיג. זײַט אַלע אייניק! זײַט אַלע געשטאַרקט און געבענטשט!

**העלען:** מיט די ווערטער, און מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי, די פּרעזידענט־פֿאַרטרעטערין, געענדיקט ריידן, און געמאַכט ווי זי גיט איבער סימבאָליש דאָס העמערל דעם נײַעם מנהיג. די טעלעוויזיע בילדער שפּרינגען דערבײַ אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט. אונדזערע עקספּערטן מיינען אַז דאָס איז אין עפּעס אַ סינאַגאָגע. אָט זעט און פֿאָלגט נאָך ווײַטער, לויט די איבערגעזעצטע אונטערטיטלען:

© לייבל באָטווינ יק. מאַי-יוני, 2007 – ה'תשס"ז — באַארבעט אַפּריל 2010 – ה'תש"ע.

עס זיצט אַ מאַן, וואָס הינטער אים שטייען פּאָליצעס פול מיט ביכער. אין די זײַטן זעט מען שטענדערס און טישן, און אויף זיי נאָך ביכער און אויך תּשמישי־קודשה. פאַר אים ליגט אָפן אַ ספר. אַ תּנ"ך. ער קוקט אין דעם אַרײַן, אין די ערשטע קאַפּיטלען, בלעטערט אַ ביסל אַדורך. קוקט ווידער אַרײַן, און בלעטערט ווידער, פאַרמאַכט דעם ספר, קוקט אַרײַן אין די אויפנעם־אַפּאַראַטן, הייבט אויף דעם ספר און פאַנגט אָן ריידן:

...ניין, ניט מיטן האַמער, נאָר מיט דעם ספר... דער ספר, וואָס האָט געהיט און געפירט און געווען דער וועגווײַזער פאַר דעם ייִדישן פאָלק, – פאַרן עם־הספר, – במשך פון צענדליקער דורות...

קורצע פּויזע. ער שטייט אויף, גייט אַרום דעם טיש, נעענטער צו די טעלעוויזיע אויפנעם אַפּאַראַטן, און זעצט זיך צו האַלב אָנגעלענט אויפן עק פונעם טיש, דעם תּנ"ך אין דער האַנט. ער רעדט ווײַטער:

איך הייס דוד. איך בין אײַער נײַער מלך. דוד דער צווייטער. מדינת ישׂראל וואָס איר און די וועלט האָט געקענט ביז אַהער, איז הײַנט אויס. איצט זײַנען מיר צוריק געוואָרן אַ קעניגרײַך: מלכות־יהודה... אין דער פּרשה פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, "בהעלתך", אין דער נעכטיקער פּרשה "שלח" און אין דער פּרשה פון דער קומענדיקער וואָך "קרח", וועט איר געפינען רמזים צו אַלצדינג וואָס קומט איצט פאָר. מע דאַרף נאָר וועלן לייענען, לערנען, און פאַרשטיין...

**שעלדאָן**: און דערמיט, העלען, האָט ער אָנגעהויבן אַ לאַנגע רעדע וואָס וועט זיכער מאַכן גרויסע איבערקערענישן אויף דעם וועלט־צוגאַנג צום מיטעלן מזרח. דעם אמת געזאָגט, האָט ער פון איין זײַט פּרובירט אַלעמען צופרידנשטעלן, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער זיכער אַ סך מענטשן אויפגערעגט... אונדזערע איבערזעצער אַרבעטן שווער בײַם צוגרייטן דעם פולן טעקסט פון זײַן רעדע. ווי נאָר עס וועט זײַן גרייט, וועלן מיר עס אַרויפשטעלן אויף אונדזער וועבפּלאַץ, און מירן אײַך אינפאָרמירן. דערווײַלע, קענסטו אונדז אפשר, העלען, איבערגעבן בקיצור עטלעכע פון די הויפּט־פּונקטן פון זײַן רעדע?

**העלען**: אוודאי, שעלדאָן. איך בין זיכער, אַז אונדזערע צושויער ווילן אַלץ הערן, אָבער מיר וועלן אײַך קודם־כּל איבערגעבן וואָס ער האָט געזאָגט דער דרויסנדיקער וועלט, כאָטש אינדעראמתן האָט ער פריער גערעדט צו זײַנע אייגענע תּושבים, דערנאָך צו דעם ייִדישן פאָלק וואָס געפינט זיך מחוץ די גרענעצן פון דער נײַער קעניגרײַך, מלכות יהודה. שפּעטער וועלן מיר אויך הערן אויסצוגן פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט זײַנע אייגענע בירגער.

איז לאָמיר דערווײַלע אָנהייבן מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט די אַנדערע פעלקער. די ערשטע צו וועלכע ער האָט זיך געוואָנדן זײַנען מצרים און ירדן, די צוויי שכנותדיקע לענדער מיט וועלכע די ביז־איצטיקע מדינת ישׂראל האָט געהאַלטן אַ שלום-אָפּמאַך:

ער האָט דערמאָנט די ביז איצטיקע גוטע פאַרבינדונגען, און צוגעזאָגט אויפצוהאַלטן די אָפּמאַכן, אָבער ער איז פאַראינטערעסירט אין נאָך מער צו פאַרשטאַרקן די דאָזיקע פאַרבינדונגען, און אַנטוויקלען מערער פאַרשטענדיקונג צווישן דעם ייִדישן פאָלק, און אַלע אַרומיקע פעלקער פון דער געגנט. – דאָס האָבן מיר טאַקע דערוואַרט, און ס'איז ניט קיין סורפּריז פאַר אונדז. וואָס עס איז אָבער יע געווען אַ סורפּריז, און אַ גרויסער חידוש, איז די פאָלגנדיקע דערקלערונג וועלכע ווערט אינטערפּרעטירט ווי גאַנץ העזהדיקע (אָדער אויב מע וויל נוצן טאַקע אַ וואָרט געבאָרגט פון זייער אייגענעם לשון: "ח ו צ פּ ה ד י ק"). יענע דערקלערונג נעמט אַרײַן כּמעט אַלע אַרומיקע פעלקער, אײַנגערעכנט אויך די פּאַלעסטינער.

**העלען**: יאָ, דאָס האָט דערשטוינט אפילו די געוואַגסטע אויסטײַטשער צווישן אונדזערע עקספּערטן און אַנאַליסטן. דער דאָזיקער מלך דוד האָט, – פון איין זײַט, – אָנגעוויזן אַז ער האָט כּוח (און אויך חוצפּה וואָס איז עלול גאָר שטאַרק אָנהיצן די אַרומיקע פעלקער), און פון דער צווייטער זײַט, רעדט ער אויך וועגן שלום.

לאָמיר זען אַ קורצע פילם־אָפּשניט פון דעם ווי ער רעדט צו זײַנע שכנים, באַזירנדיק זיך אויף דעם ביבל (תּנ"ך).

**שעלדאָן**: אגב, עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, ווי איר וועט עס באַלד זען און הערן, אַז ער האָט גערעדט אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. דאָס פֿאָלגנדיקע האָט ער גערעדט אויף איטאַליעניש און אַראַביש, וואָס ער האָט אגב, פֿאָרגעלייענט, שפּעטער האָט ער גערעדט אויך פראַנצויזיש, ענגליש, און רוסיש. מע אינפֿאָרמירט מיר, אַז אפילו אויף אַמהאַריש האָט ער אויך גערעדט...

אַן אָפּשניט פון מלך דוד דעם צווייטנס רעדע:

... עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך וויכטיקע רעליגיעס אויף דער וועלט. דרײַ פון זיי האָבן ענלעכע און בשותּפֿותדיקע וואָרצלען: כראָנאָלאָגיש זײַנען דאָס: די ייִדישע רעליגיע וואָס איז אַרום 3500 יאָר אַלט, די קריסטלעכע רעליגיע וואָס איז אַרום 2000 יאָר אַלט, און די מוסלמענערשע רעליגיע וואָס איז אַרום 1400 יאָר אַלט. אַלע פעלקער אַרום, ווייסן ווער עס איז דאָס ייִדיש פֿאָלק. לאָמיר אויפהערן זיך צו נאַרן, נאָר זאָגן דעם אמת... די קריסטעלכע וועלט, וואָס שטאַמט פון ייִדן, ווייסט אַז ארץ־ישׂראל געהערט דעם ייִדישן פֿאָלק, און ניט צו קיין אַנדער פֿאָלק. סײַ היסטאָריש, און סײַ רעליגיעז. אַזוי שטייט דאָך אין דער תּורה וואָס אונדזערע רעליגיעס האָבן בשותּפֿות. אײַער גאָט "יעזוס" איז געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל. זײַן מאַמע איז געווען אַ ייִדישע, איז ער דעריבער געבוירן געוואָרן אַ ייִד. אַלע ווייסן דאָס. די ערשטע קריסטן זײַנען געווען ייִדן.

איסלאַם, איז אַ רעלאַטיוו ייִנגערע רעליגיע. דערפֿאַר אָבער, די וואָס האָבן עס געגרינדעט זײַנען אָפּשטאַמיקע פון די ערשטע ייִדן (וואָס דעמאָלט האָט מען זיי גערופן "עברים"): אברהם און זײַן זון יצחק. אַלע ווייסן דאָס. דאָס אַראַבישע פֿאָלק שטאַמט פון ישמעאל, דעם זון פון אברהם. לויט דעם ייִדישן מינהג, איז ישמעאל ניט קיין ייִד, ווײַל בײַ ייִדן, גייט די דאָזיקע רעליגיע־ירושה איבער לויט דער מאַמען. בײַ די אַראַבער (און אין איסלאַם) – לויט דעם טאַטן. הייסט עס, אַז ישמעאל, לויט איסלאַם, וואָלט באַדאַרפט זײַן אַן עברי, ווי זײַן פֿאָטער אברהם...

בײַ יצחקן, דעם צווייטן עברי אויף דער וועלט, זײַנען סײַ די מאַמע און סײַ דער טאַטע געווען "עברים". איינער פון זײַנע זין איז געווען עשו – וואָס ער ווערט אויך גערעכנט פֿאַר אַ פֿאָטער פון די אַראַבישע פעלקער... קיינער לייקנט דאָס ניט, אָבער צוליב היסטאָרישע און פּאָליטישע און אויך רעליגיעזע סיבות, איז דאָס אַלץ לײַכטער צו "פֿאַרגעסן", איידער צו אַנערקענען דאָס אין דער עפנטלעכקייט.

עס איז געקומען די צײַט צו מאַכן אַרום דעם אַ סדר, און זאָלן אונדזערע רעליגיעזע מנהיגים זיך אַוועקזעצן און מיט אַן אָפֿן האַרץ און אַ קלאָרן מוח קומען צו אַ קעגנזײַטיקער פֿאַרשטענדעניש. מיר גלייבן דאָך אַלע אין איין גאָט. און דאָס איז דאָך דער זעלבער גאָט, נאָר וואָדען, – יעדערער האָט זײַן אייגענע מיינונג און פֿאַרשטאַנד וואָס שײַך **ווי־אַזוי** ער וויל אָדער ער איז באַרופן צו דינען דעם דאָזיקן גאָט.

איצט קום איך צו דער פּאָליטיש־היסטאָרישער זײַט פון דער מטבע. אַלע ווייסן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געווען דאָ פֿריער. עס שטייט דאָך געשריבן אין דעם תנ"ך, אַז דער רבונו־של־עולם האָט צוגעזאָגט געוויסע לענדער דעם ייִדישן פֿאָלק: פון אברהם אבינו ביז צו משה רבינו און ווײַטער. מע דאַרף נאָר אַרײַנקוקן אין תּנ"ך און זיך עצהן מיט היסטאָריקער, כּדי צו זען וואָס עס זײַנען געווען די גרענעצן פון די "עברים" אין די פֿאַרשיידענע תּקופֿות, פון אברהמען ביז צו יהושע און די מלכים שאול, דוד, שלמה און אַזוי ווײַטער. מע קען זיך קריגן פון הײַנט ביז ווער ווייסט ווען, איבער נאַרישע עטלעכע קילאָמערטערס... ס'איז דען ניט קיין גרויסער שאָד אומזיסט צו פֿאַרגיסן בלוט, בעת עס איז אַזוי פיל גרינגער פּשוט צו דערגיין צו אַ בשותּפֿותדיקן קאָמפּראָמיס...?

פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, האָט דער בורא־עולם אונדזער פֿאָלק געגעבן דאָס לאַנד. און ווער וויל זיך דען קריגן מיט דעם בורא־עולם? פון דער אַנדערער זײַט, לאָמיר אויך אָננעמען, אַז עס איז זײַנס, און ער קען עס

© לייבל באָטווינִיק. מאי-יוני, 2007 – ה'תשס"ז — באַאַרבעט אַפּריל 2010 – ה'תש"ע.

אויסטיילן, און אײַנטיילן, און ווידער איבערטיילן לויט זיין רצון... און אַזוי האָט ער עס טאַקע געטאָן אין משך פון יאָרהונדערטער. אויב איר אַלע – קריסטן און מוסולמענער – גלייבט טאַקע אויף אַן אמת אין אײַערע רעליגיעס, דאַרפט איר אויך אָננעמען אַז דאָס וואָס מיר זעען הײַנט איז אויך פאָרגעקומען לויט גאָטס ווילן...

וויל איך אָבער אַז עס זאָל זײַן אַ פולע פאַרשטענדעניש צווישן אונדז אַלעמען אין דעם סעקטאָר פון דער וועלט. איך וועל איצט ניט אויסרעכענען פון וואַנען ביז וואַנען עס זײַנען די גרענעצן. דאָס איז ניט דער עיקר. לאָמיר בעסער אָננעמען אַז די ביז־איצטיקע מדינת ישׂראל, וואָס איז הײַנט אַריבער אין מײַנע הענט, צו מלכות יהודה, שטעלט מיט זיך פאָר דעם ווילן פון דעם רבונו־של־עולם, אַז מיר זאָלן עס אויפהאַלטן און אָפּהיטן. דאָס איבעריקע, וואָס איז אויך אונדזערס, – וואָס אייגנטלעך, דער רבונו־של־עולם האָט אונדז געגעבן, נאָר האָט באַשלאָסן, אַז לעת־עתא לאָזט ער אײַך וואוינען דאָרט, לאָזן מיר דערווײַלע איבער אין די הענט פון גוטע שכנים, מיטן תּנאי, אַז זיי זאָלן טאַקע בלײַבן גוטע שכנים און אויך ניט טאָן קיין שאָדן די דאָזיקע ערטער...

אין די נעענטסטע טעג, וועלן מיר אויסאַרבעטן אַ בעסערע מלוכה גרענעץ און מיר וועלן אָנהייבן איבערפירן יִדישע און ניט יִדישע ישובים כּדי בעסער אויסשטעלן די גרענעצן צווישן די וואוין־ערטער פון די פאַרשיידענע פעלקער אין אונדזער ראַיאָן. מיר ווילן אָבער קלאָר מאַכן, אַז מיר ווילן לעבן בשלום מיט אונדזערע שכנים.

מיט יאָרן צוריק האָט מען אויסגעטראַכט אַ מאָדנעם פּלאַן וואָס הייסט "לאַנד פאַר שלום". ס'איז מאָדנע, ווײַל די קליינע יִדישע מדינה, וואָס פאַרמאָגט אַזוי ווייניק לאַנד אין פאַרגלײַך מיט אירע גרעסערע און מעכטיקערע שכנים האָט געזאָלט אָפּגעבן נאָך און נאָך לאַנד פאַר אַ שלום וואָס איז ניט דערגרייכט געוואָרן מיט זיי (אחוץ דעם אָפּגעבן דעם סיני די מצרים וואָס האַלטן אָפּ מיט אונדז אַ מין שלום, וואָס מיר ווילן און שטרעבן ווייטער דאָס אויסצוברייטערן און פאַרשטאַרקן).

איך וויל איצט פאָרלייגן אַ צווייטן פּלאַן "לאַנד פאַר שלום", וואָס איז מער רעאַליסטיש:

1) מיר וועלן אין די נאָענטע עטלעכע חדשים באַפרײַען די גרעסטע טייל פון די שטחים וואָס מיר האָבן ביז אַהער געהאַלטן אַן אויג אויף זיי, צו די פּאַלעסטינער אַראַבער, אונדזערע נעענטסטע שכנים.

2) היות ווי דאָס איז ניט קיין סך לאַנד, – מיר האָבן אַליין, לײדער מער ניט צו געבן, – און די אַרומיקע מדינות האָבן דווקא זייער אַ סך לאַנד אין פאַרגלײַך, זאָלן זיי אויך באַפרײַען עטלעכע לאַנד־שטחים, און דאָס וועט פאַרגרעסערן די טעריטאָריע פאַר די פּאַלעסטינער, און ס'וועט פאַרלײַכטערן זייער לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אָפּהענגיק דערפון ווי ערנסט עס האַלטן די דאָזיקע מדינות זייער צוזאָג צו העלפן זייערע פּאַלעסטינער ברידער...

3) דרום לבנון איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך. מיר לייגן פאָר די רעגירונגען פון ירדן, לבנון, און סיריע צו שאַפן אַ מין אינטערנאַציאָנאַלן פּאַס פון טעריטאָריע וואָס ציט זיך פון צפון ירדן, דורך דרום סיריע און דרום לבנון. מיט אונדער הילף און שותּפות, זאָל דאָרט געשאַפן ווערן אַ ריזיק גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער נאַטור־פּאַרק וואָס וועט אויך אַנטהאַלטן מוזייען, אוניווערסיטעטן, האָטעלן, טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונגס־פּראָיעקטן, שפּיטעלער, און פאָרשונגס־אינסטיטוציעס. דאָ קענט איר מאַכן אַ מין גן־עדן פאַר טוריסטן, סטודענטן, אַרבעטער, און די היגע תּושבים, און טאַקע אײַנפלאַנצן אַן עכטע שלום־שטימונג פון ברידערלעכקייט אין מיטאַרבעט: אַן אמתער שלום.

דער נייער "לאַנד פאַר שלום" פּלאַן, איז אָבער אַ שטעקן מיט צוויי עקן: פּונקט ווי מע גיט אָפּ לאַנד פאַר שלום, וועט מען אויך צונעמען לאַנד פאַרן "צעשטערן דעם שלום". אויב איך האָב ערשט דערמאָנט אַז מיר "באַפרײַען לאַנד", באַדאַרף עס פאַרשטאַנען ווערן, אַז מיר וועלן אויך צוריקנעמען לאַנד צוליב אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשׂים.

דאָס וועט קומען מיט אַ פּרײַז, דהיינו: לאַנד פאַר שלום. פאַר יעדן שאָס נעמען מיר צוריק לאַנד. פאַר יעדן פאַרוואונדעטן ייִד – לאַנד. פאַר יעדן פּרואוו זיך אויפרײַסן – לאַנד... און חס־ושלום אַן אַטענטאַט וואו עס

© לייבל באָטווויניק. מאי-יוני, 2007 – ה'תשס"ז — באַארבעט אַפּריל 2010 – ה'תש"ע.

פֿאַלן מענטשן – אַ סך לאַנד. וויפֿל דונאַם פֿאַר יעדער סאָרט אַטאַקע, איז ניט וויכטיק אין איצטיקן מאָמענט: צי דאָס איז איין דונאַם פֿאַר יעדן שאָס, צי צען דונאַם פֿאַר אַ ראַקעטע... ניט אין דעם גייט עס. פֿאַראַנטוואָרטלעכע שכנים אַרום אונדז וועלן גיך פֿאַרשטיין, אַז כּל־זמן די היציקע צווישן זיי וועלן דורכפֿירן זייערע מיאוסע און רוצחישע אַטענטאַטן, וועט אַלץ ווייניקער לאַנד זיי פֿאַרבלײַבן. עס קען קומען דערצו, אַז די היץ־קעפּ קענען דערפֿירן צו דעם, אַז זייער אייגן פֿאָלק זאָל זיך אַליין אַרײַנטרײַבן אין ים... דערפֿאַר בין איך איבערצײַגט, אַז קליגערע און רואיקערע כּוחות וועלן נעמען די זאַך אין האַנט און וועלן זיי נייטראַליזירן.

פֿאַראַן אָבער נאָך עטלעכע ענינים אַרום דעם, מער דרינגענדיקע: מיר גיבן 24 שעה די איצטיקע אָנפֿירער בײַ זיי, פֿון די פּאַלעסטינער און כיזבאָלאַ, צוריקצוגעבן אונדז אונדזערע סאָלדאַטן וואָס ווערן געהאַלטן געפֿאַנגען. יעדע שעה נאָך דעם, וועט מען אָנהייבן צוריקנעמען לאַנד פֿון די באַפֿרײַטע שטחים אין עזה, בערך אַ דונאַם אַ מינוט, און דאָס זעלבע פֿון דרום לבנון.

אַ וואָרט אונדזערע ווײַטע "שכנים". פּרס (איראַן) און דאָס ייִדישע פֿאָלק האָבן אַ לאַנגע בשותּפֿותדיקע געשיכטע. ביז ניט לאַנג צוריק, זײַנען מיר געווען גוטע פֿרײַנד. עס לעבן נאָך דאָרט עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן. עס איז אַ שאָד, וואָס עס זײַנען פֿאַראַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע מנהיגים דאָרט וואָס ווילן, אַז מדינת ישׂראל זאָל אָפּגעמעקט ווערן פֿון דער מאַפּע, אַזוי צו זאָגן. נו, דער וואונטש זייערער איז טאַקע דערפֿילט געוואָרן, כאָטש אפשר ניט גענוי ווי זיי האָבן עס געוואָלט. לאָמיר צוריק ווערן גוטע שכנים, טאַקע שותּפֿים אין אַ בעסערן און שענערן מיטעלן מיזרח.

מיר זײַנען גרייט אויף אַ מין קאָמפּראָמיס. – וואָס טוען דען ניט חברים, איינער פֿאַרן צווייטן? מיר זײַנען אַ קליין מדינהלע. מיר האָבן ניט קיין אייגענעם נאַפֿט, און מוזן עס אימפּאָרטירן. איר האָט זייער אַ סך. אפשר פֿאַרקויפֿט איר אונדז דאָס, ווי איר פֿלעגט עס אַמאָל טאָן, פֿאַר אַ גוטן פּרײַז? פֿרעגט איר מסתּמא, וואו איז דער קאָמפּראָמיס... איז אָט־וואָס: מיר וועלן לאָזן אײַערע וויסנשאַפֿטלער און ספּעציאַליסטן קומען באַזוכן און העלפֿן פֿונאַנדערנעמען אונדזערע נוקלעאַרע וואָפֿן (יע, מיר זאָגן איצט אָפֿענערהייט, אַז מיר פֿאַרמאָגן אַזעלכעס), בתּנאי אַז איר לאָזט אונדזערע וויסנשאַפֿטלער און ספּעציאַליסטן קומען צו אײַך און העלפֿן פֿונאַנדערנעמען אײַערע נוקלעאַרע אינסטאַלירונגען.

מיר דאַרפֿן און ווילן ניט קיין נוקלעאַרע וואָפֿן אין דעם טייל פֿון דער וועלט. די פֿריערדיקע רעגירונגען פֿון דעם געוועזענעם "מדינת ישׂראל" האָבן געפֿילט, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנדער ברירה און געמוזט זיך אײַנשאַפֿן די דאָזיקע שרעקלעכע וואָפֿנס. מיר האַלטן אַנדערש. עס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ צו גרויסע ריזיקע. גלײַכצײַטיק, פֿילן מיר, אַז אונדזערע שכנים נייטיקן זיך ניט סײַ אין נוקלעאַרער און סײַ אין געווײנלעכער נאַפֿט ענערגיעס. איינס איז גענוג. אָדער-אָדער. מיר וועלן ניט קענען שלאָפֿן רואיק כּל־זמן איר שטרעבט צו האָבןביידע.

ווידער, ווערט איצט אָנגעגעבן אַ טערמין פֿון 24 שעה. באַשליסט וואָס איז בעסער פֿאַר אײַך: נוקלעאַרע וואָפֿנס, אָדער נאַפֿט? פֿון דעם נאַפֿט קענט איר מאַכן אַ גוט לעבן. פֿון דער נוקלעאַרער, בלויז אַ וויסטן סוף...

און כּדי אונטערצושטרײַכן ווי ערנסט פֿאַרלאַנגען מיר שלום, און ניט מלחמה, האָבן מיר באַשלאָסן אײַך אַרײַנציען אין דער שׂמחה פֿון די נײַע ענדערונגען אינעם מיטעלן מזרח. אין דער שעה **(ער קוקט אויף זײַן זייגער)** פֿליען 60 אַעראָפּלאַנען פֿון די לופֿט־כּוחות פֿון מלכות יהודה איבער טעהעראַן, אַנדערע איראַנישע שטעט, און אויך איבער אײַערע נאַפֿט און נוקלעאַרע אײַנריכטונגען, מיט אַ סורפּריז פֿאַר אײַערע תּושבים...

**שעלדאָן:** נו, העלען, וואָס זאָגסטו צו דער דאָזיקער "חוצפּה" מצד דעם נײַעם ייִדישן מנהיג?
אָט זעען מיר דאָ אַ קורצן פֿילם־אָפּשניט פֿון טעהעראַן 9:10 אַזייגער אין אָוונט, זייער צײַט, נאָך דעם ווי די ישׂראל אַעראָפּלאַנען האָבן איבערגעלאָזט זייער סורפּריז פֿאַר די איראַנער. אַנטשולדיקט, איך מיין די אַעראָפּלאַנען פֿון מלכות יהודה...

מע זעט בילדער פֿון גאַסן און בנינים וואָס זײַנען "באָמבאַרדירט" געוואָרן מיט וואַסער און בלאָער פֿאַרב...

**העלען:** נו, איך מיין אַז די איראַנער זײַנען גוט אין כּעס. דערפאַר אָבער, וועלן זייערע מיליטערלײַט בעסער אָפּשאַצן די מאַכט פון די לופט־כּוחות פון מלכות יהודה... לויט אונדזערע ידיעות, זײַנען די אַעראָפּלאַנען אַרײַן און אַרויס פון איראַנישן לופט־שטח, און אפילו איבער סטראַטעגישע און מיליטערישע זאָנעס גאָר אומבאַמערקטערהייט. די איראַנער האָבן אפילו ניט געוואוסט אַז זיי זײַנען דאָרט. מיר פאַרשטייען, אַז אַלע אַעראָפּלאַנען זײַנען שוין צוריק אַהיימגעקומען, בשלום.

# 3. נאַציאָנאַלער רייניקונג

**שעלדאָן:** ווי געזאָגט, וועלן מיר דעם פולן טעקסט פון דעם נײַעם קעניג פון דער ייִדישער מדינה איבערגעבן אויף אונדזער וועבפּלאַץ. איצט ווילן מיר בלויז איבערגעבן אין קורצן די הויפּט פּונקטן פון דעם וואָס דער נײַער מנהיג, מלך דוד דער צווייטער, האָט פאָרגעלייגט זײַנע אייגענע תּושבים, אין דער געוועזענער "מדינת ישׂראל".

**העלען:** ער האָט זיך, זעלבסט פאַרשטענדלעך, געווענדט צו די בירגער אין זײַן לאַנד, סײַ די ייִדישע און סײַ די ניט־ייִדישע. ער האָט גערעדט דער עיקר אין העברעאיש, אָבער אונדזערע שפּראַך עקספּערטן, דערציילן אַז ער האָט אויך זיך געווענדט אויף ייִדיש און לאַדינאָ, אָבער ניט ענגליש, רוסיש, אָדער אפילו אַראַביש וואָס עס איז געווען איינע פון מלוכהשע שפּראַכן אין מדינת ישׂראל און איז דאָס לשון פון דער גרעסטער מינדערהייט פונעם לאַנד...

**שעלדאָן:** לאָמיר הערן אַ ביסל פון דעם וואָס ער האָט גערעדט צו זײַן אייגענעם פאָלק לרוב טאַקע אויף עברית, אָבער צום־טייל אויך אויף ייִדיש און לאַדינאָ. (מיר האָפן, אַז די איבערזעצער גיבן עס איבער פּינקטלעך)..."

עס ווײַזט זיך ווידער אַ ווידעאָ־אָפּשניט פון דעם נײַעם מלכס רעדע.

... טײַערע תּושבים פונעם ייִדישן לאַנד. ווען דאָס ייִדישע פאָלק איז אַרויס פון מצרים, האָט עס געוואַנדערט אין מדבר 40 יאָר מיט דעם גרעסטן פון אונדזערע נביאים און רבנים, משה רבינו. נאָך דעם, זײַנען זיי אַרײַן אין ייִדישן לאַנד און במשך פון פיל יאָרן געווען אײַנגעטיילט ווײַטער אין שבטים, און אָנגעפירט געוואָרן פון שופטים. ערשט דאַן האָבן זיי באַקומען קעניגן וואָס האָבן פאַראייניקט אויף אַן אמת דאָס גאַנצע פאָלק. אין אַ געוויסן זין, קענען מיר הײַנט פאַרגלײַכן דאָס צו די 2000 יאָר גלות, וואָס דאָס איז געווען אַ מין וואַנדערן אין מדבר – און מיט גרויסע רבנים (רש"י, רמב"ם, בעל־שם־טוב, ווילנער גאון – און זייערע יורשים), און ווען מיר זײַנען סוף־כּל־סוף אַרײַן צוריק אין דעם אייגענעם לאַנד אונטער דער פאָן פון "מדינת-ישׂראל" האָבן אָנגעפירט מיט אונדז כּלערליי מנהיגים... ביזן הײַנטיקן טאָג. אָבער הײַנט קומען מיר צוריק אײַנצופירן מלכות אין ייִדישן לאַנד.

טײַערע תּושבים – דאָס איז טאַקע דאָס ייִדישע לאַנד, וואָס דער רבונו־של־עולם האָט עס געגעבן צו אברהם אבינו, און פון אים צו יצחקן און יעקבן און צו זייערע קינדער און קינדסקינדער, וואָס דאָס זײַנען מיר די יורשים זייערע. און ווײַל דאָס איז אַ ייִדיש לאַנד, מוז מען דעריבער זיך פירן דאָ ווי ייִדן. אונדזער פאָלק איז באוואוסט פאַר אונדזער חכמה און למדות. און אויב מיר זײַנען אַזעלכע קלוגע מענטשן, טאָ ווי קאָן עס זײַן, אַז פונדאַמענטאַלע ייִדישע פּרינציפּן, אַזעלכע ווי היטן שבת און עסן כּשרות, ווערן ניט אָפּגעהיט אין דעם אייגענעם לאַנד?

עס איז געקומען די צײַט פאַר אַ באַנײַאונג פון ייִדישע פּרינציפּן, פון פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט צו זיין אַ ייִד, און צו פאַרשטיין וואָס מיר קענען צושטײַער געבן דער וועלט, ווי ייִדן. נעמט, למשל, ווען אין ארץ-ישׂראל זאָלן אַלע אײַנוואויער אויפהערן פירן די אויטאָמאָבילן איין מאָל אַ וואָך, שבת, און ניט אַרבעטן – הייסט עס אַז פאַבריקן וועלן איין מאָל אַ וואָך אויפהערן פאַרפעסטיקן די לופט און וואַסערן. שטעלט אײַך פאָר, ווען די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אַזוי געפירט – ווי דאָס וואָלט געענדערט די לופט אויף דער וועלט.

© לייבל באָטוויניק. מאי-יוני, 2007 – ה'תשס"ז — באַארבעט אַפּריל 2010 – ה'תש"ע.

אויב דאָס ייִדישע פאָלק האָט במשך פון דור־דורות אין גלות בײַגעשטײַערט צו דער וועלט אין אַזוי פיל תּחומים ווי מוזיק, קונסט און קולטור, מעדיצין און וויסנשאַפט און אַנדערע געביטן, איז דאָס אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן געהאַט פון וואַנען צו שעפּן. וואָס זיי, אָדער זייערע עלטערן, זײַנען געקומען פון יראת־שמימדיקע הײַזער, פול מיט ייִדישקייט און ייִדישן וויסן. פאַרלאָזט מען אָבער ייִדישקייט, ווערט אָפּגעטרוקנט דער דאָזיקער קוואַל, און די ווײַטערדיקע דורות ווערן וואָסאַמאָל שוואַכער, – אַ פאַרלוסט סײַ פאַרן ייִדישן פאָלק, סײַ פאַר דער וועלט...

דע לפני מי אתּה עומד – ווייס פאַר וועמען דו שטייסט. די תּורה איז אונדז געגעבן געוואָרן ניט סתּם אַזוי. מיט דער תּורה האָבן מיר דורכגעמאַכט די שווערסטע נסיונות, און זיי אַלע איבערגעקומען. דערפאַר מוזן מיר אַרײַנברענגען ליכטיקייט אין ייִדישן לאַנד, און אויפהערן צו קריכן אין דער פינצטערניש ווי עס טוען די גוים. ניט אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט פון זיי איז כּדאי אײַנצופירן אין ייִדישן לאַנד...

די אַלע גוטע און עטישע לערעס אָנהייבנדיק פון אברהם אבינו, ביז צו משה רבינו און מתּן־תּורה, און ווײַטער אין מלכות ישׂראל און דערנאָך אין תּפוצות ישׂראל, — דאָס אַלץ האָט געפורעמט אַ פאָלק וואָס די וועלט קען זיך פיל אָפּלערנען פון אונדז....

... אָבער פריער, דאַרפן מיר אַליין זיך צוריקנעמען און לערנען פון דעם...

ברוך־השם, זײַנען מיר אַ קלוג פאָלק. און אין תּוך אַ גוט פאָלק. עס איז געקומען די צײַט, אַז דאָס קליינע ייִדישע לאַנד זאָל צוריק ווערן אַ לאַנד פון תּורה, און אַן אמתער "אור לגוים". עס איז געקומען די צײַט אַז אַלע, יונג און אַלט, פרום און ניט־פרום, רעכט און לינק, מאַן און פרוי, מנהיגים, רבנים, און גלאַט מענטשן, זאָלן זיך אויסגלײַכן – אין אַלע הינזיכטן – און אָנהייבן ווידער פאַרשטיין פון וואַנען מיר קומען און וואָס מיר קענען דערגרייכן. נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קענען איבערקומען אַלע אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שטרויכלונגען און צרות־צרורות...

**שעלדאָן**: ווי מיר האָבן געהערט, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אַז דאָס איז קודם־כּל אַ ייִדיש לאַנד, ער האָט דערנאָך צוגעגעבן, אַז ווער עס מיינט אַנדערש, קען פאַרלאָזן.

**העלען**: טאַקע, און אויפן סמך פון דער דעקלאַראַציע, וויל ער אײַנפירן די פאָלגנדיקע ענדערונגען (וואָס דאָס איז בלויז אַ טייל פון דעם וואָס ער האָט אַנאָנסירט):

1) שבת איז שבת, יום־טוב איז יום־טוב.

2) פרייטיק און זונטיק וועלן אויך ווערן פרײַע טעג וואָס מען אַרבעט ניט.

3) דאס עסן אין לאַנד, אין די קראָמען און אין די רעסטאָראַנען וועט זײַן נאָר כּשר. ווער עס וויל ניט כּשר, דאַרף באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש און וועט מוזן באַצאָלן פאַר דעם.

4) אַלע שולן און לערן־אינסטיטוציעס וועלן זײַן אונטער איין דאַך. אַלע וועלן דאַרפן לערנען רעליגיעזע שטודיעס, ווי אויך סעקולערע לימודים.

5) דער לימוד פון קינדערגאָרטן אָן, אײַנגערעכנט ישיבות און אוניווערסיטעטן (און בכלל) וועט זײַן אינגאַנצן אומזיסט.

6) עס וועט זײַן איין יוסטיץ־סיסטעם פאַר אַלע אײַנוואוינער. דיינים און שופטים וועלן צוזאַמען אויסאַרבעטן די נײַע צוגעפּאַסטע געזעצן פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן.

7) צה"ל בלײַבט, אָבער עס ווערט "צבא הגנה לעם־ישׂראל". אַלע ייִנגלעך און מיידלעך, פרומע, צי ניט־פרומע, חתונה געהאַטע, צי ניט, וועלן מוזן "דינען" אָדער אין דער אַרמיי, אָדער אין מדינה־דינסט.

8) אַ צאָל אָנגעזעענע זשורנאַליסטן ווערן איצט פֿאַרבעטן צו ווערן די צײַטווײַליקע פירער און עצה־געבער, ביז וואַנען די ערשטע וואַלן וועלן פֿאָרקומען בערך אין אַ יאָר אַרום.

**שעלדאָן:** דאָס קלינגט גוט פֿאַר אונדזער פּראָפּעסיע... העלען, וואָס נאָך קענען מיר דערוואַרטן?

**העלען:** ער גיט צו, למשל, דאָס פֿאָלגנדיקע:

9) עס ווערט צוגעגרייט אַ פּלאַן אַרײַנצונעמען צווישן 3 און 5 מיליאָן ייִדן אין ייִדישן לאַנד, פֿון אַלע תּפוצות־ישׂראל, במשך פֿון די קומענדיקע 5 ביז 7 יאָר, און אַז אַלע ייִדן אויף דער וועלט זאָלן עולה זײַן אין די נאָענטע 15 יאָר.

10) ירושלים בלײַבט איין שטאָט. פֿון אַ ראַדיוס אַרום דעם כּותל מערבי, פֿון אַרום איין שעה צופֿוס (דער ראַדיוס וועט זיין אַרום 5 קילאָמעטער אין דער לענג), וועט דער גאַנצער שטח זײַן פֿאַרמאַכט פֿאַר אויטאָס. בלויז פּאָליציי, אַמבולאַנסן, און אינערלעכע טראַנספּאָרט וועט דערלויבט זײַן. מע וועט נאָר קענען אַרומפֿאָרן אויף ביציקלעטן און גיין צופֿוס.

11) אין דעם דאָזיקן אינערלעכן שטח אין ירושלים, אין דעם ראַדיוס פֿון אַרום 5 קילאָמעטער, וועלן קיין שטענדיקע תּושבים ניט טאָרן וואוינען. ווער עס וויל וואוינען אין דעם שטח, וועט דאַרפֿן באַקומען אַ ספּעציעלן דערלויבעניש, און וועט קענען דאָרט בלײַבן וואוינען בלויז צווישן 5 און 10 יאָר, און דערנאָך מוזן פֿאַרלאָזן. די איצטיקע אײַנוואוינער האָבן ביז 5 יאָר צו געפֿינען אַ וואוינונג מחוץ דעם נײַעם אינערלעכן ראַדיוס שטח.

12) תּושבים אין דער ייִדישער מלוכה (ייִדן און ניט־ייִדן) וועלן האָבן ביז 5 יאָר צו שווערן טרײַשאַפֿט דעם נײַעם מלך. ווער עס טוט דאָס ניט, וועט דאַרפֿן פֿאַרלאָזן די מלוכה: סײַ ייִדן, סײַ ניט־ייִדן.

13) דער מלך וועט דינען 5 יאָר, און דערנאָך קען ער ווערן ווידער אויסגעוויילט, אָדער מע וועט אים פֿאַרבײַטן. קיין מלך וועט ניט קענען דינען מער ווי 10 יאָר.

14) ניט נאָר מענער קענען זײַן די אָנפֿירער פֿון מלכות יהודה. דאָס קענען אויך זײַן פֿרויען (אַ מלכּה), אויב זיי באַווײַזן די נייטיקע פֿעאיקייטן דערצו.

**העלען:** נו, וואָס זאָגסטו דערויף, שעלדאָן, איך קען אויך האָבן אַ מעגלעכקייט...

**שעלדאָן:** יאָ, העלען, ... אין אַ 10 יאַר אַרום... און אויב דו האָסט בדעה זיך אַריבערצופּעקלען אַהין צו וואוינען דאָרטן, און ווערן אַ ייִדישע...

**העלען:** איך ווייס?... הײַנטיקע טעג איז אַלץ מעגלעך... טאָ לאָמיר ענדיקן מיט אַ פּאָזיטיווער ידיעה: איינע פֿון די לעצטע זאַכן וואָס ווערט דערמאָנט בײַם נײַעם מלך, איז זײַן ווילן אײַנצופֿירן אַ ריינערע מלוכה, סײַ פּאָליטיש, און סײַ פֿיזיש. מיטן אָפּזאָגן זיך פֿון נוקלעאַרע וואָפֿן, ווי אויך אָפּשטעלן דאָס פֿאַרפּעסטיקן די לופֿט שבת און יום־טוב (מצד אינדוסטריע און אויטאָמאָבילן), האָט ער אויך צוגעגעבן, אַז יעדן יאָר, אין דעם זונטיק פֿון דער שבת פּרשה "שלח" (ייִדן לייענען יעדע וואָך אַן אַנדער פּרשה פֿון זייער ביבל. די וואָך, אַשטייגער, איז געווען די פּרשה "שלח", אין ספר "במדבר"), – וואָס דאָס קומט אויס אַרום מאַי חודש, – וועט מען פֿײַערן דעם "נאַציאָנאַלן רייניקונגס־טאָג", לכּבוד דעם דאָזיקן נײַעם איבערגאַנג. מענטשן וועלן אין דעם טאָג ווערן געמוטיקט דורכצופֿירן אַקטיוויטעטן מיט זייערע שכנים, און דער עיקר רייניקן די סביבה אַרום זייער געגנט. ער האָפֿט, אַז מענטשן וועלן אָנהייבן זיך פֿירן בעסער צווישן זיך, מיט דער אַרומיקער סביבה, און מיט דער נאַטור אויך. אַ גוטער געדאַנק. זאָל אים זײַן מיט הצלחה.

**שעלדאָן:** אמן...